ישוע געענטפערט און געזאָגט צו אים: איידער
נאָך פיליפוס האָט דיך גערופן, האָב איך דיך געזען,
בשעת דו ביסט נאָך געווען אונטער דעם פייגנבוים.
49 האָט נתנאל אים געענטפערט: רבי, דו ביסט דער
50 בן אלקים; דו ביסט דער מלך פון ישראל. האָט
ישוע געענטפערט און געזאָגט צו אים: ווייל איך
האָב דיר געזאָגט, אַז איך האָב דיך געזען אונטער
דעם פייגנבוים, גלויבסטו? גרעסערע זאַכן ווי די
51 דאָזיקע וועסטו זען. און זאָגט צו אים: באמת,
באמת, זאָג איך אייך: איר וועט זען דעם הימל
אָפן, און די מלאכים פון ג-ט אַרויפגיין און אַראָפּ־
קומען אויף דעם בן־אדם.

Moshiach Dan 7:13-14

Babylonian Talmud Sanhedrin 98 interprets Son of man in Dan 7:13-14 Messianically

## קאַפּיטל צוויי

2

1 און דעם דריטן טאָג איז געווען אַ חתונה אין
קנה פון גליל; און ישועס מוטער איז דאָרטן
2 געווען, און אויך ישוע און זיינע תלמידים זענען
3 פאַרבעטן געוואָרן אויף דער חתונה. און ווען עס
האָט אויסגעפעלט וויין, זאָגט ישועס מוטער צו
4 אים: זיי האָבן נישט קיין וויין. און ישוע זאָגט צו
איר: וואָס האָב איך מיט דיר, אשה? מיין שעה איז
5 נאָך נישט געקומען. זאָגט זיין מוטער צו די סאַר־
6 ווערס: וואָס ער וועט אייך זאָגן, זאָלט איר טון. און
דאָרטן זענען געווען אויפגעשטעלט זעקס שטיינ־
ערנע וואַסערגעפעסן, לויטן מנהג פון וואַשן זיך
ביי יידן, יעדעס איינע האָט אַנטהאַלטן צו צוויי
7 אָדער דריי עמער. זאָגט ישוע צו זיי: פילט אָן די
געפעסן מיט וואַסער. און זיי האָבן די דאָזיקע
8 אָנגעפילט ביז אַרויף. און ער זאָגט צו זיי: איצט
שעפּט אָן און טראָגט עס צו דעם, וואָס זיצט אויבנאָן.